# די באַלאַדע פֿון דעם שנירל שטערן

אין אָנדענק
פֿון אַנאַ מאַרגאָלין

רבותי, איך וועל אייך זינגען אַ ליד,
דאָס ליד פֿונם טרויעריקן גליק,
וואָס פֿלאַטערט ווי אַ פֿויגל פֿאַרביי
און קערט זיך נישט אום צוריק.

אין יאַס, דער שטילער און שיינער שטאָט,
מיט אַלטע שוהלן באַ'חנט
(אַזוי שטייט געשריבן, איך האָב עס אַמאָל
מיט די אייגענע אויגן געלייענט),

האָט געלעבט אַן אַלטער און פֿרומער ייד
מיטן נאָמען רב מיכעלע בלאָט,
און ס'האָט דער אַלטער און פֿרומער ייד
איין־און־איינציקע טאָכטער געהאַט,

אַ יאָר גייט פֿאַרביי, דאָס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פֿאַרשווינדט —
און ס'איז די טאָכטער געוואַקסן שנעל
און שלאַנק, ווי אַ סאָסנע אין ווינט.

און ס'האָט געשמייכלט דער אַלטער ייד,
ווען ס'האָט געקלאַפּט אין דער טיר
דער פֿרילינג מיט אַ בינטל בעז,
וואָס ער האָט געבראַכט פֿאַר איר.

און ס'האָט געשמייכלט דער אַלטער ייד,
ווען שפּעט אין אַ בלאָער נאַכט
האָט רויטע קאַלינעס צו איר בעט
דער קיניג זומער געבראַכט.

נאָר אַז דער הארבסט האָט אָנגעקלאַפּט,
האָט אויפגעציטערט דער ייד,
ווען ס'האָבן געקלונגען די רעגן-טריט:
די יוגנט פאַרגייט און פאַרפליט.

אַ יאָר גייט פאַרביי, דאָס צווייטע קומט,
קומט און גייט און פאַרשווינדט —
און ס'איז די טאָכטער געוואַקסן שנעל
און שלאַנק ווי אַ סאָסנע אין ווינט.

נאָר איינמאָל אין אַ ווייסער נאַכט
האָט אין איר חלום גענענט אַ שטאַפּעט
און אַ זיידן העמד אַוועקגעלייגט
אויף איר איינזאַמען בעט.

און אַז דער ייד האָט זיך אויפגעכאַפּט
צו שחרית אין דער פרי,
איז אַ שנירל שטערן געהאַנגען אין שויב,
ווי אַ זילבערנע מעלאָדי.

און פאַרן שפּיגל איז געשטאַנען שלאַנק
די טאָכטער אין זיידענעם העמד,
די אויגן אָפן, די הענט אויפן האַרץ,
ווייט און טרויעריק און פרעמד.

דער טאָג איז אַוועק. די צווייטע נאַכט
האָט ווידער געגעגנט דער שטאָפּעט
און אַ גאָלדענע קרוין אַוועקגעלייגט
אויף איר איינזאַמען בעט.

און אַז דער ייִד האָט זיך אויפגעכאַפּט
צו שחרית אינדערפֿרי,
איז אַ שנירל שטערן געהאַנגען אין שויב,
ווי אַ זילבערנע מעלאָדי.

און פֿאַרן שפּיגל איז געשטאַנען שלאַנק
די טאָכטער אין זײַדענעם העמד,
די גאָלדענע קרוין אויפֿן שוואַרצן קאָפּ,
ווײַט און טרויעריק און פֿרעמד.

און תּיכּף האָט פֿאַרשטאַנען דער ייִד,
אַז דער חלום האָט אָפּגעשיידט
דאָס איינציקע וואונדער פֿון זײַן לייב, —
האָט ער צעריסן זײַן קלייד

און אַש אויפֿן ווײַסן קאָפּ געשיט
און קדיש פֿרום געזאָגט.
זענען בלייכער געוואָרן די שטערן אין שויב,
וואָס מער דער טאָג האָט געטאָגט.

און באָרוועס איבערן ווײַסן שניי
מיט דער קרוין און דעם זײַדענעם העמד
איז די טאָכטער אַוועק מיט שטילע טריט
שטיל און טרויעריק און פֿרעמד.